# ערשטע פֿאָרשטעלונג אין באָפֿאָלאָ

שוין איבער דריי וואָכן, אַז מען פּראָבירט מיין פּיעסע און די שטימונג צווישן די אַקטיאָרן איז ניט קיין גוטע. מען שושקעט זיך.

דער רעזשיסאָר זאָגט שטילערהייט, אַז ער האַלט, אַז די פּיעסע וועט זיין אַ שרעקליכער דורכפאַל. ער גיט אָן אורזאַכן. ער זאָגט, אַז די מעשה פון דער פּיעסע איז ניט פאַרבונדען מיט דער מוזיק, מיט די סאָנגס. די פּראָבעס, זאָגט ער, טויגען ניט, ווייל דזשוליוס לאָזט ניט פּראָבירען; ער נעמט אַוועק צייט. ער שטעלט אָפּ די פּראָבעס אין מיטען און האַלט רעדעס. ספּעציעל רעדט ער פאַר פייער און פאַר וואַסער, ווען עס קומען אַריין די געלט־געבער — טראָפּ, קאַרפּ און לאָקס. ער נעמט איבער די קאָמאַנדע פון רעזשיסירען, ציינט אַלעמען ווי צו שפּילען. ער אַליין זינגט, טאַנצט און שפּרינגט. ער מאַכט אַן ערפּאָלג ביי די געלט־געבער, אָבער ער קוילעט אַוועק צייט.

מר. פּאַרקער, אַ סאָנג־שרייבער, וועלכער האָט געהאָלפען דזשוליוס'ען שרייבען די סאָנגס, ערקלערט, אַז אויב מען וועט ניט באַצייטענס קריגען אַ שרייבער צו פיקסען די פּיעסע, איז פאַרלוירען די גאַנצע מי און געלט. ער האַלט, אַז דזשוליוס וויל אַלעס טאָן אַליין; ער וויל, אַז אין אַלעס זאָל זיין זיין קאָפּ, זיין אידעע, אָבער ער האָט, נעבאַך, אַ שוואַכען קאָפּ.

די לופט איז פול מיט פּולווער. עס דוכט זיך, אַז אָט אָט און עס וועט עפּעס אויסשיסען. מאַנכע זוכען אַ מעגליכקייט צו רעדען מיט דזשוליוס'ען און אים געבען צו פאַרשטיין די לאַגע. אָבער מען קען אים ניט כאַפּען פאַר אַ מינוט ווען ער איז רוהיג. אָדער ער לויפט, אָדער ער שרייט, אָדער ער רעדט. אַז מען קריגט אַמאָל אַ מעגליכקייט אַריינצוואַרפען אַ וואָרט, שלאָגט ער איבער די רייד און ער רעדט.



עס איז שוין ביי ענדע פון דער פערטער וואָך פון דער פּראָבע. מען דאַרף שוין אַרויספאָרען אויפ'ן ראָוד שפּילען (איידער מען שפּילט אויף בראָדוועי, שפּילט מען פריער די פּיעסע אין אַנדערע שטעט). דזשוליוס ווערט אַביסעל נערוועז. ער לאָזט אַן אַנדערען אויך אַמאָל רעדען אַ וואָרט. און פּלוצלונג — ער רופט קאָנפערענצען פון אַקטיאָרען, פריינד, דעם רעזשיסאָר, מיך, זיינע העלפערס.

ער ערקלערט, אַז אַזוי ווי מען דאַרף שוין אַרויספאָרען שפּילען אין באָפֿאָלאָ, וויל ער הערען אַלעמענ'ס מיינונג, וואָס יעדער דענקט וועגען דער פּיעסע. יעדער, האָט ער געזאָגט, זאָל אָפּען אַרויסזאָגען זיין מיינונג וואָס ער דענקט, ווייל איצט איז נאָך צייט. מעז הויבט שוין אָן שפּילען. יעדענ'ס מיינונג און עצה איז ווילקאָמען. „רעדט, פריינט, וואָס איר ווילט", האָט ער געזאָגט. „איר קענט רעדען געגען דער פּיעסע, געגען מיר פערזענליך. רעדט, רעדט!"

מר. פּאַרקער האָט דער ערשטער געהאַט דאָס וואָרט. ער האָט ערקלערט, אַז נאָך זיין מיינונג האָט די פּיעסע פילע חסרונות. מען קען זי אפשר נאָך ראַטעווען, ווען מען זאָל אויפ'ן וועג מיטנעמען אַ פאַכמאַן, וועלכער זאָל פיקסען די פּיעסע און קיינער זאָל אים ניט שטערען. ער זאָל זיין דער פולשטענדיגער באַלעבאָס. אויב דאָס וועט ניט געטאָן ווערען, איז אַ שאָד דאָס געלט, די מי און די צייט, וואָס די פּיעסע קאָסט.

מר. פּאַרקער האָט געוואָלט נאָך ווייטער רעדען. אָבער דזשוליוס האָט אים איבערגעשלאָגען, אויסרופענדיג:

— דאָס רעדט ער אַזוי, דער גאָרניט, ווייל ער איז ברוגז פאַרוואָס איך אַדווערטאַיז ניט זיין נאָמען. ער וויל פּובליסיטי; ער וויל זען זיין נאָמען אַלס סאָנג־שרייבער מיט גרויסע אותיות. איך ערקלער, אַז ער קען גאָר ניט, ער ווייסט גאָר ניט און זיין מיינונג איז ניט וויכטיג.

— ווער נאָך וויל זאָגען אַ מיינונג? — האָט דזשוליוס געפרעגט.

מיצי וואַיס האָט גענומען דאָס וואָרט און ערקלערט, אַז זי שטימט איין מיט יעדען וואָרט, וואָס מר. פּאַרקער האָט געזאָגט.

דזשוליוס האָט אויסגעשריען, אַז אויב איר געפעלט ניט די פּיעסע זאָל זי רעזיגנירען. מען וועט קריגען אַזאַ „פּאַצעצע" ווי זי.

מיצי האָט ערקלערט, אַז זי גיט גלייך אַריין איר רעזיגנאַציע, וואָס דאָס מיינט, אַז אין צוויי וואָכען אַרום וועט אַן אַנדערע דאַרפען שפּילען אויף איר פּלאַץ.

— ווער נאָך וויל אַ וואָרט? — האָט דזשוליוס געפרעגט.

אַלע האָבן געשוויגן.

דזשוליוס האָט געהאַלטן די שלוס־רעדע און געזאָגט:

— ווי איך פאַרשטיי, געפעלט ניט די אַקטיאָרן „דער בלאָנדער מלאך". אָט דאָס גיט מיר מוט; אָט דאָס באַפעסטיגט מיין איבערצייגונג, אַז מיר האָבן אַ גרויסן סוקסעס. ווען אַ פּיעסע געפעלט ניט די אַקטיאָרן, איז זי דער גרעסטער ערפאָלג — הוראַ!

***

אין באַפאַלאָ. איך דריי זיך אַרום אין שטאָט. אַ פיינער וועטער. איך פיל זיך גוט־געשטימט. איך טראַכט, אַז דערווייל איז ניט שלעכט. איך פאָר אַרום מיט אַקטיאָרן. איך האָב ליב צו רייזן. הלוואי פאָרט מען מיט דער פּיעסע אַ יאָר צייט. מיינע אויסגאַבן באַצאָלט מען. די צרה איז, וואָס צו־לאַנג וועט מען מיט אַזאַ פּיעסע ניט קענען פאָרן. אָבער דערווייל איז גוט. וועט די פּיעסע זיין אַן ערפאָלג, וועל איך דאָך קריגן ראָיאַלטיס; וועט די פּיעסע דורכפאַלן, וועט דאָך מיך שטאַרק ניט וויי טאָן. מיין פּיעסע איז שוין לאַנג געשטאָרבן. דאָס וואָס איז געבליבן אין דער פּיעסע פאַרדינט דאָך ניט צו לעבן. ווען די פּיעסע זאָל זיין אַן ערפאָלג, וואָלט דאָס מיר אפשר גאָר געערגערט, וואָס אַזאַ טשעפּוכאַ איז אַ סוקסעס.

איך שטיי ביים טעאַטער. עס הענגען בילדער פון אַקטיאָרן און אַקטריסעס. דזשוליוס'עס אַ גרויס בילד אין דער מיט און נאָך אַ גרעסערע בילד אויבן. זיין נאָמען איז איבעראַל — אַלס פאַרפאַסער פון דער פּיעסע, פון די ליריקס, פון דער מוזיק, אַלס שוישפּילער, אַלס אַסיסטענט דירעקטאָר, אַלס פּראָדיוסער, און מיט גאָר גרויסע אותיות: „דזשוליוס'עס פּראָדאָקשאָן".

מיר דוכט זיך, אַז ווען ער וואָלט געהאַט די מאַכט, וואָלט ער אויף אַלע ווענט פון אַלע הייזער געהאַט עלעקטריק סאַינס, וועלכע זאָלן זיך אויסלעשן און אָנצינדן מיט דעם נאָמען דזשוליוס.

מען מאַכט אין טעאַטער די לעצטע פּראָבע. דזשוליוס שטעלט אָפּ די פּראָבע אין מיטן און האַלט אַ רעדע פאַר די שוישפּילער.

— מיינע ליבע פריינד, ברידער, שוועסטער און קאָלעגן — זאָגט ער — דער שיקזאַל פון „בלאָנדען מלאך" ליגט איצט אין אייערע הענט. איר קענט אַריינדרינגען אין די הערצער פון פּובליקום, אַז זיי זאָלן זאָגן, אַז עס איז טעריפיק. איר קענט זאָגן אַ וויץ אַזוי, אַז



דער עולם זאָל שיסן פון געלעכטער. איר קענט מאַכן דעם „בלאָנדען מלאך" פאַר דער גרעסטער מיוזיקעל קאָמעדיע, איר קענט! איר קענט! און איר וועט! איר וועט! איר וועט!

אין אָוונט איידער דער פאָרהאַנג פון ערשטען אַקט גייט אויף, קומט אַרויס דזשוליוס אויף דער בינע און אַדרעסירט דעם עולם.

— ליבעס פּובליקום — זאָגט ער. — איר וועט איצט זען איינע פון די מערקווירדיגסטע פּיעסן. עס איז ניט ווי די אַנדערע מוזיקאַלישע פּיעסן, וועלכע מאַכן איך לאַכן פון נאַרישקייטן. יעדער וויץ, יעדעם וואָרט איז פון סאָציאַלער וויכטיגקייט. יעדער סאָנג איז פון אַ וועלטליכער באַדייטונג. אויב איר זעט אַן אַלטען מאַן, שטעלט דאָס פאָר אַ געשיכטע פון אַלטקייט, איר זעט אין אים אייער זיידען, אייער עלטער זיידען, דורות פון אונזערע עלטערן. איר זעט אַ יונגע מיידעל, שטעלט דאָס פאָר די יוגענד, אונזער יוגענד מיט אַלע אירע מעלות און חסרונות. אין דער פּיעסע ליגט מיין נשמה. דאָס איז אַ טייל פון מיין איך. דאָס איז אינגאַנצען איך. אויב אייך זאָל ניט געפעלן די פּיעסע, די מוזיק, די ליריקס, די רעזשי, דאָס שפּילען, באַשולדיגט מיך, מיך, בלויז מיך. קרייציגט מיך פאַר דעם. איך נעם אויף זיך די גאַנצע שולד. איך מאַך אויף דעם אויפמערקזאַם ספּעציעל די קריטיקער. אויב אייך געפעלט ניט די פּיעסע, שיסט אייערע קוילען אין מיר. איך אַליין בין שולדיג. איך וויל ניט צונעמען צופיל פון אייער צייט, פון דער טייערער צייט, פון אייער ווערטפולער צייט אין וועלכער איר וועט זען די בעסטע פּיעסע, די בעסטע מיוזיקעל קאָמעדיע פאַר די לעצטע פופציג יאָר.

נאָך דער פאָרשטעלונג איז געגעבן געוואָרן אַ באַנקעט פאַר די שוישפּילער. מען האָט געהוליעט ביז אין ווייסן טאָג אַריין, טרינקענדיג שאַמפּאַניער.

דעם באַנקעט האָט געעפענט דזשוליוס מיט אַ רעדע. ער האָט ערקלערט, אַז דער באַנקעט איז אַראַנזשירט געוואָרן צו פייערן דעם ערפאָלג פון „בלאָנדען מלאך". — עס איז געווען דער גרעסטער ערפאָלג, — האָט ער געזאָגט, — איך האָב געזען אין די אויגען פון פּובליקום ווי צופרידען זיי זיינען געווען. זיי איז דאָס אַזוי שטאַרק געפעלן, אַז זיי האָבן געוואָלט, אַז דאָס זאָל זיך קיינמאָל ניט ענדיגן און דערפאַר האָבן זיי ביי דער ענדע ניט אַפּלאָדירט. די געלעכטערס, — האָט ער געזאָגט — זיינען ניט געווען פון די הילכענדיגע געלעכטערס, וואָס מען הערט ביי די ביליגע מיוזיקעל קאָמעדיעס; עס איז געווען פון

די פיינערע, טיפע, שטילע געלעכטערס, וועלכע מען לאַכט אין זיך אַריין, און מען הערט ניט.

ער האָט גראַטולירט די געלט־געבער, מר. טראָפּ, מר. לאַקס און מר. קאַרפּ. זיי האָבען דורך זייער געלט געהאָלפען געבען אַ גוטע פּיעסע און זיי וועלען איצט פון דער פּיעסע נאָך רייכער ווערען, און ער פאַרגינט זיי דאָס מיט׳ן גאַנצען האַרצען, האָט ער ערקלערט.

מר. טראָפּ האָט צוליב דעם ערפאָלג פון דער פּיעסע זיך אַזוי אַנגע׳שיכור׳ט, אַז ער איז, אַרומגערינגעלט פון כאָריסטקעס, אַוועק־געפאַלען אויפ׳ן פלאָר און זיך ניט געוואָלט אויפהויבען.

— אָט דאָ וויל איך שטאַרבען, — האָט ער געזאָגט, — איך וויל שטאַרבען אויף אַ באַנקעט פאַר דעם „בלאָנדען מלאך". איך וויל ניט שטאַרבען ווי אַ פאַסקודניאַק! לאָזט מיך שטאַרבען ווי אַ פּראָדיוסער, ביי די פיסלעך פון כאָריסטקעס.

אַ צווייטער פּראָדיוסער, מר. לאַקס, האָט זיך אַרויסגע׳גנב׳עט פון זאַל מיט אַ טענצערקע אין מיטען דזשוליוס׳עס רעדע.

אַ דריטער פּראָדיוסער, מר. קאַרפּ, איז געזעסען אַרומגענומען פון אַ כאָריסטקע, גערעדט אידיש און געזונגען „כל נדרי". די כאָריסטקע איז געווען אַן איירישע. זי האָט אים געפרעגט, וואָס איז דאָס פאַר אַ „סאָנג", האָט ער איר געזאָגט, אַז דעם „סאָנג" זינגט מען נאָכדעם ווי מען זינדיגט אַ סך. אַז גאָט הערט דעם „סאָנג" איז ער מוחל אַלע זינד.

— דאַרלינג, — האָט זי געזאָגט, — לערען מיך אויס דעם „סאָנג". איך מוז דאָס קענען זינגען צוליב מיינע גרויסע זינד.

פאַרטאָג האָט מען אויף דער שמחה אַריינגעבראַכט די באָפאָלאָ׳ער צייטונגען און דאָרט איז שוין געווען געדרוקט אַ קריטיק איבער׳ן „בלאָנדען מלאך".

איין צייטונג האָט געשריבען:

„דער „בלאָנדער מלאך" איז זייער אַ שוואַכער מלאך. ער האָט ניט קיין שטאַרקע פליגלען. ער וועט ווייט ניט קענען פליען. ער וועט מסתמא ביז ניו יאָרק ניט קענען דערפליען, נעבעך!"

אַ צווייטע צייטונג האָט געשריבען אַזוי:

„מיר האָבען געוואָלט אַרונטעררייסען דעם שרייבער פון דער פּיעסע, דעם שרייבער פון דער מוזיק, פון די ליריקס, און דעם רעזשיסאָר, אָבער מר. דזשוליוס האָט אין אַ רעדע ביי דער פאָרשטעלונג אויף זיך גענומען די שולד פאַר׳ן שרייבען די פּראָזע, די מיוזיק, די ליריקס און אַפילו פאַר דער רעזשי. זאָגען מיר צו אים אַזוי: „מר. דזשוליוס,



איר זענט זייער אַ מוטיגער מענש; מיט אייער מוט וואָלט איר אַ סך געקענט אויפטאָן אויף אַנדערע געביטען, אָבער שרייבען לאָזט אַנדערע. צו שרייבען אַ פּיעסע דאַרף מען אַ חוץ מוט האָבען כאָטש אַ ביסעל טאַלאַנט. און איר האָט בלויז מוט; טאַלאַנט האָט איר גאָרניט, טאָקע גאָר ניט".

דזשוליוס האָט איבערלייענדיג די קריטיק ערקלערט, אַז „אַלע פּיעסען וועלכע די באָפאָלאָ׳ער קריטיקער האָבען געלויבט, זיינען דורכ־געפאַלען אין אַנדערע שטעט; און אַלע פּיעסען, וואָס באָפאָלאָ האָט אַרונטערגעריסען זיינען געווען די גרעסטע ערפאָלגען. עס איז דערפאַר זייער גוט, וואָס די באָפאָלאָ׳ער קריטיקער געפעלט ניט דער „בלאָנדער מלאך". דאָס — האָט ער געזאָגט, — איז דער בעסטער באַווייז, אַז מיר האָבען אַ גרויסען ערפאָלג, און דאָס וועט באַוויזען ווערען אין דער נעקסטער שטאָט, וואו מיר פאָרען שפּילען — פּיטסבורג. די פּיטסבורגער קריטיקער פאַרשטיין, און זיי וועלען די פּיעסע לויבען ביז אין די הימעל אַריין. מיר פייפען אויף באָפאָלאָ!"